**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/25/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט מער ווי 7.1 מיליאן דאלאר אין שטאטישע און געמיינדע פארעסטרי גרענטס צו 23 פראיעקטן דורכאויס די סטעיט**

***אינפלאציע רעדוצירונג אקט-פינאנצירטע פראיעקטן פלאנצן ביימער און פארמערן געמיינדע וואלד שטאנדהאפטיגקייט אין באזייטיגטע געמיינדעס***

***פלאנצן פראיעקטן וועלן צוגעבן צו גאווארנער'ס '25 מיליאן ביימער ביז 2033' ציל***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן ווער עס וועט באקומען די שטאטישע און געמיינדע פארעסטרי גרענטס פינאנצירט דורך די יו.עס. פארעסט סערוויס דורך די היסטארישע אינפלאציע רעדוצירונג אקט. גרענטס אין צאל פון מער ווי 7.1 מיליאן דאלאר וועלן שטיצן 23 שטאטישע פארעסטרי פראיעקטן, ספעציעל אין באזייטיגטע געמיינדעס די מערסטע באלאדנט דורך ענווייראמענטאל פארפעסטיגונג און די ווירקונגען פון קלימאט טויש. די אווארדס געבן דירעקט צו גאווארנער האקול'ס 2024 סטעיט פון די סטעיט פארפליכטיגונג צו פלאנצן 25 מיליאן ביימער ביז 2033 און לעצטיגע פארפליכטונגען דורך די ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט ענווייראנמענטאל בונד אקט און אנדערע ניו יארק סטעיט אינוועסטירונגען צו פלעגן גרינערע, געזונטערע געמיינדעס.

"פרעזידענטביידען'ס אינפלאציע רעדוצירונג'ס אקט שטעלט צו פאר ניו יארקערס דורך צושטעלן גלייכע צוטריט צו ביימער, פארבעסערן לופט קוואליטעט, פארמינערן עקסטרעמע היץ, און צושטעלן נאך פילע בענעפיטן פאר ניו יארקערס," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "ניו יארק סטעיט איז דאנקבאר זיך צאמצושטעלן אויף די פראיעקטן אלס טייל פון א טאטאל 87 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע גרענטס וואס וועט העלפן וואקסן סטעיט און לאקאלע באמיאונגען צו פלאנצן און אפגעבן פאר פובליק ביימער, האדוועון געזונטערע אומגעבונגען, און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן."

די אויסגעקליבענע פראיעקטן שטעלן פאר א צוזאמענארבעטנדע אנשטערענגונג צווישן לאקאלע רעגירונגען, נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און געמיינדע גרופעס צו שאפן מער גלייכע און שטאנדהאפטיגע שטאטישע וועלדער אין די צייט פון פארמערטע שטורעמס און עקסטרעמע היץ צוגעפירט דורך קלימאט טויש. צווישן די פינאנצירטע פראיעקטן זענען איניציאטיוון זיך צו פארבינדן מיט די פובליק אין ביימער פלאנצונג און פארוואלטונג אנשטרענגונגען, פארמערן ביימער באדעקונג אין פובליק אפענע פלאץ, און פארמערן אדער פארברייטערן פלאנצן איבער וועגן אין באזייטיגטע געמיינדעס. די אנשטרענגונגען קומען זיך צאם מיט גאווארנער האקול'ס ברייטערע קאנזערוואציע און ענווייראמענטאל אגענדא, אריינרעכענענדיג פארבעסערן עקזיסטירנדע אפענע פלעצער וואס זענען א טייל צו ניו יארק סטעיט'ס ציל צו אנהאלטן 30 פראצענט פון לאנד און וואסער ביז 2030, שטיצנדיג די סטעיט'ס קלימאט צילן, און פאראויסרוקן ענווייראמענטל גערעכטיגקייט דורכאויס די סטעיט.

די גרענטס זענען צוגעשטעלט דורך DEC'ס שטאטישע און געמיינדע פארעסטרי פראגראם, וועלכע ארבעט צו פארמערן פובליק וואכזאמקייט צו די וויכטיגקייט פון ביימער און העלפט געמיינדעס צו פאבריצירן געזונטע וועלדער און אין די זעלבע צייט פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער.

פינאנצירונג פאר די גרענט איז ערמעגליכט דורך די סטעיט צוטיילונג פון די יו.עס. אפטיילונג פון אגריקולטור (U.S. Department of Agriculture, USDA) וואלד סערוויס דורך די אינפלאציע רעדוצירונג אקט (Inflation Reduction Act, IRA). די USDA וואלד סערוויס טיילט צו די פינאנצירונג צו שטיצן פראיעקטן אין באזייטיגטע געמיינדעס צו פארמערן און אנהאלטן א געזונטער שטאטישע דעקונג און גלייכע צוטריט צו ביימער און די בענעפיטן וואס זיי שטעלן צו. די וואלד סערוויס'ס שטאטישע און געמיינדע פארעסטרי פראגראם באפולמעכטיגט פינאנצירונג פאר א ברייטערע ראנג פון אקטיוויטעטן, אזוויי שטאטישע האלץ באנוץ, שטאטישע עסן וועלדער, מילדערן עקסטרעמע היץ, און ארבעטקראפט אנטוויקלונג.

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ענווייראמענטאל אנהאלטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) אינטערים קאמישענער סין מאהאר האט געזאגט,** "שטאטישע פארעסטרי שפילט א וויכטיגע ראלע צו פארמינערן לופט פארפעסטיגונג און העלפן אפצוהאלטן אדער מילדערן די פילע פארניכטנדע געזונט, ענווייראמענטאל און עקאנאמישע ווירקומען פון קלימאט טויש. DEC דאנקט דיביידען-העריס אדמיניסטראציע, ניו יארק'ס קאנגרעסשענל דעלעגאציע, און גאווארנער האקול פארן פריאריטאריזירן אונזער קלימאט און די אלגעמיינע וואוילזיין פון ניו יארקערס מיט די פינאנצירונג צו שטיצן איניציאטיוון וואס ברענגען פאראויס ענווייראמענטאל פארוואלטונג, שטאנדהאפטיגע לאנדשאפטן און עקאנאמישע לעבהאפט."

**USDA וואלד סערוויס, שטאטישע און געמיינדע פארעסטרי רעגיאנעלע פראגראם נארט-איסט מענעדזשער דאניעלע גיפט האט געזאגט,** "די אינפלאציע רעדוצירונג אקט שטאטישע און געמיינדע פארעסטרי פינאנצירונג וועט שטיצן געמיינדעס צו ווערן מער שטאנדהאפטיג צו קלימאט טויש און באקעמפן עקסטרעמע היץ מיט די אפקילנדע ווירקונגען פון פארמערטע שטאטישע ביימער איבערדעקונג. געמיינדעס וועלן פילן פארבעסערטע וואלד געזונט צושטאנדן, מער גלייכע צוטריט צו ביימער בענעפיטן און א פארברייטערטע אויסגעשטעלטקייט און צוטריט צו ענווייראמענטאל קאריערע וועגן. די USDA וואלד סערוויס איז שטאלץ זיך אנצושליסן מיט ניו יארק סטעיט צו ברענגען די פינאנצירונג צו באזייטיגטע געמיינדעס, וואו עס איז די מערסט נויטיג."

**סענאט מעידזשאריטי פירער טשוק שומער האט געזאגט,** "ניו יארק, נעמט ארויס אייערע שאוולען און מאכט אייך גרייט צו גראבן פאר אומצאליגע נייע ביימער! די +7 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע פינאנצירונג פון די אינפלאציע רעדוצירונג אקט וואס איך האט פארטיידיגט וועט העלפן שטאטישע וועלדער בליען פון בינגהאמטאן צו באטאוויא און ראטשעסטער צו ניו ראטשעלע. איך האב שטארק געקעמפט צו פלאצן פינאנצירונג פאר ביימער אין די אינפלאציע רעדוצירונג אקט אז אונזערע געמיינדעס זאלן קענען אדרעסירן די ווירקונגען פון פארפעסטיגונג און ברוטאלע היץ פון קלימאט טויש דורך פלאנצן שטאטישע וועלדער. מער ביימער מיינט א גרינערע און ריינערע אומגעבונג און א בעסערע געמיינדע פאר אלעמען. איך בין דאנקבאר פאר גאווארנער האקול'ס פארטנערשאפט פארזיכערנדיג אז די פעדעראלע דאלארן ווערן גענוצט אויף א גוטע צוועק בויענדיג א קילערע און גרינערע צוקונפט פאר ניו יארק."

**סענאטאר קירסטען גיליבראנד האט געזאגט,** "פארברייטערן צוטריט צו ביימער און גרינע פלעצער געבט פאר אונזערע געמיינדעס א העכערע קוואליטעט פון לעבן. איך בין אזוי שטאלץ צוזושטעלן די 7.1 מיליאן דאלאר אין אינפלאציע רעדוצירונג אקט פינאנצירונג וואס וועט העלפן באקעמפן עקסטרעמע היץ

און פארבעסערן ניו יארקער'ס לופט קוואליטעט. די געלט וועט העלפן ברענגען נייע לעבן צו געמיינדעס דורכאויס ניו יארק סטעיט און צושטעלן פאמיליעס מיט א גרינערע, געזונטערע אומגעבונג."

**רעפרעזענטיטיוו פעט רייען האט געזאגט,** "ביימער דעקונג איז א שטארקע באדערפעניש פאר א בליענדיגע שטאט, ספעציעל ווען הודסאן וועלי שוויצן אונטער איין היסטארישע היץ כוואליע נאך די אנדערע די זומער. איך בין שטאלץ אז די אינוועסטירונגען וועלן פארמערן איבערדעקונג, פארבעסערן קלימאט שטאנדהאפטיגקייט, און שאפן גוט-צאלנדע ארבעט דורכאויס די וועג. איך וועל ווייטער קעמפן אהיימצוברענגען מער פעדעראלע דאלארן פון די לענדמארק אינפלאציע רעדוצירונג אקט צו מאכן די הודסאן וועלי א דויערהאפטיגע און לעבהאפטיגע היים פאר די נאכפאלגנדע גענעראציאנען."

די פאָלגנדע איז א ליסטע פון אווארדעד פראיעקטן לויט די ראיאן:

**<u>הויפטשטאט ראיאן</u>**
**אלבאני קאונטי**

- סיטי פון אלבאני דעפארטמענט פון אלגעמיינע סערוויסעס - $420,260; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**גרין קאונטי**

- ווילעדש אוו אטהענס - $340,633; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**רענסעלער קאונטי**

- סיטי אוו טרוי $317,600; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**<u>צענטראל ניו יארק</u>**
**קאָרטלאנד קאונטי**

- סיטי אוו קארטלאנד - $65,000; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**אָנאָנדאַגאַ קאונטי**

- סיטי אוו סיראקוס - $495,283; געמיינדע וואלד מענעדזשמאנט פלאן איינפירונג

**<u>פינגער לעיקס</u>**
**גענעסי קאונטי**

- סיטי אוו באטאוויא - $452,732; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**מאנרא קאַונטי**

- סיטי אוו ראטשעסטער - $199,625; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**ארלעאנס קאונטי**

- ארלעאנס קאונטי סויל און וואסער קאנזערוואציע דיסטריקט - $468,479; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**<u>לאנג איילענד</u>**
**נעסאו קאַונטי**

- סיטי אוו גלען קאוו - $25,706; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**<u>מיד-האדסאן וועלי</u>**
**אראנדזש קאונטי**

- אראנדזש קאונטי פארקס און פארוויילונגען - $63,154; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**אָאולסטער קאונטי**

- סיטי אוו קינגסטאן - $491,550; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**Westchester**

- סיטי אוו ניו ראטשעלע - $35,000; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**<u>ניו יארק סיטי</u>**
**בראנקס קאונטי**

- Woodlawn Conservancy Inc - $473,392; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג
- Natural Areas Conservancy Inc - $394,658; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**קינגס קאונטי**

- Big Initiatives Incorporated - $407,457; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג
- די עווערגרינס סעמעטערי פרעזערוועישאן פאונדעישן - $500,000.00; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**ניו יארק קאונטי**

- די גרין-וואוד סעמעטערי - $498,035; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג
- ראנדאל"ס איילענד פארק אליאנס, אינק. - $497,742; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**<u>נארט קאנטרי</u>**

**קלינטאן קאונטי**

- קלינטאן קאונטי סויל און וואסער קאנזערוואציע דיסטריקט - $229,622; אשביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**דזשעפערסאן קאַונטי**

- סיטי אוו וואטערטאן - $400,000; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**סעינט לאורענס קאונטי**

- טאון אוו מאסענא - $231,342; אש ביימער מענעדזשמענט אין באזייטיגטע געמיינדעס

**סאוטערן טיער**
**בראם קאַונטי**

- סיטי אוו בינגהאמטאן - $33,333; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

**מערב ניו יארק**
**טשאוטאוקווא קאונטי**

- סיטי אוו דאנקירק - $122,446; געמיינדע וואלד מענעדזשמענט פלאן איינפירונג

צו ווייטער דערגרייכן ניו יארק'ס קלימאט צילן, האט גאווארנער האקול'ס 2024 סטעיט פון די סטעיט אדרעס און די 2024-25 אקטיווע בודזשעט אריינגערעכנט 47 מיליאן דאלאר דורך די ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע ארבעט ענווייראנמענטאל בונד אקט צו שטיצן די ציל פון פלאנצן 25 מיליאן ביימער דורכאויס די סטעיט ביז 2033. די ציל וועט אויפלעבן די סטעיט'ס ביימער פלאנצן אנשטרענגונגען דורכויס פיל-יאריגע יערליכע גרענטס צו געמיינדעס צו פלאנצן ביימער צו שטיצן די שטאנדהאפטיגע רי-פארעסטן און שטאטישע וועלדער, מאדערניזירן DEC'ס קאלאנעל וויליאם פ. פאקס מעמאריאל סאראטאגא בוים נורסערי, און אריינגעמען די נעקסטע גענעראציע פון ענווייראמענטאל פארוואלטערס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן